STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11066

BERTSHIK

Leib Kvitko

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בערשטיק

צענטראַלפֿאַרלאַג
מאָסקווע
1927

ל. קוויטקאָ

בערטשיק

צענטראַלפאַרלאַג

КНИЖНАЯ ФАБРИКА ЦЕНТРАЛЬНОГО ИЗДАТЕЛЬСТВА НАРОДОВ С.С.С.Р МОСКВА ШЛЮЗОВАЯ НАБЕРЕЖНАЯ 162

Главлит № 8.6533
Тираж 2.000 экз.

3661

ב-ע-ר-ט-ש-ז-ך

געשענקט דער האלעסקאָווער
שול

ס׳איז אַן עמעסע געשיכטע,
און דערציילן איז קעדאַי, —
ווער סע וויל נאָר, — בלייב זי הערן,
ווער סע וויל ניט — גיי פאַרביי.

ס׳האָט מיט מיר אַליין געטראָפן,
מיט מיין בערטשיק, יאָ, מיט אים.
זאָל אזוינס שוין מער ניט טרעפן
ניט מיט אייך און ניט מיט מיר!

װען איך האָב אים נאָר דערזעען,
כ׳האָב געגעבן זיך דאָס װאָרט: —
דער מוז מײַנער זײַן אױף אײביק, —
דער װעט אױסװאַקסן אַ כאַרט!

און געשענקט אים — אָט אַ נאָמען:
בערטשיק, בערטשיק, — שענסטער הונט.
כאָטש אַ דאַרער: הױט און בײנער, —
נאָר װי קלוג און װי געזונט!

כ׳לױף אַהײם, — אױ, מאַמע עסן!
מיש צונױף דאָס גאַנץ געקעכץ!
כ׳האָב קײן צײַט ניט. אַך, זאָלסט װיסן,
װאָס כ׳האָב הײַנט געפּאַקט אַ רעכטס!

כ׳האָב פֿאַרנאַרט צו מיר אַ הינטל
מיט די ריפּטלעך ברױט מיט שמאַלץ, —
האָסט אַזאַ מינס ניט געזעען:
דאָס עסט צוקער! דאָס לעקט זאַלץ!

ס׳האָט אַזױנע װײַסע פּיסלעך,
דינע-דין, מיט זײַדן-האָר. —
ס׳מאַכט זיך פֿאַר אַ גאַנצן גרױסן, —
כאָטש אינגאַנצן אַלט אַ יאָר!

הערשל זאָגט: ס׳אַ שפּירער-שפּיצל,
כאַנקע זאָגט: ס׳אַ פּראָסטער דאָג, —
אייסעך-ווייסעך, — רייץ איך אָן אים —
זאָלסטו זען, ער טוט אַ יאָג!

היינט זיין עקל מיט די פרענזן!
ווען ער פּאָכט מיט דעם אַזוי,
גייט אַ ווינט, אַ ווינט אַ קילער,
אזש אף דר׳ערד צעקערט די שטרוי.

אויגן — פּינקטלעך, ווי זיין מאַמעס,
נאָר דאָס פּיסקל — גלאַנציק גרין
און די ציין — ווייזט אויס געפּוצטע
און דאָס צינגל רויט און דין.

ער האָט פיינט, אַז מע צערייצט אים,
אז מע פירט זיך מיט אים האַרט, —
וויפל כ׳האָב זיך אָנגעמאטערט,
בּיסקל איך האָב אים פאַרנאַרט!

כ׳האָב אים שוין געלערנט זאַכן:
— ליין אַ בּריוו! — טוט ער אַ ניס!
ווען איך זאָג אים: — שטעל זיך בּערטשיק! —
שטעלט ער בּאַלד זיך אַף צוויי פיס!

גיב מיר מאַמע פלייש אַ שטיקל,
נאָך אַ שטיקל, ס׳מאַכט ניט אויס! —
גיב אַ פּלעצל, גיב אים הערינג: —
ר׳האָט אַ מויל אַזוי אַ גרויס!

און ער איז באַ אונז געבליבן —
פרילינג, זומער: ביינער, בראָק. —
בערטשיק ווערט אַלץ גרעסער, פולער,
ווי די זון מיט יעדער טאָג.

איז די נעכט אַליין אין דרויסן
היט דעם הויף אַף אַלע פיר;
יאָגט די קעץ און יאָגט כאַזיירים,
פּילדערט, שרייט, צערייסט זיך שיר.

נאָר סע בלאָזן זיך די שכיינים:
„— נו, אַ הונט! אַזאַ מין נאַכט!"
נאָר איך ווייס, ווען ניט מיין בערטשיק,
וואָלט מען אַלעס אומגעבראַכט!



נאָר איך ווייס, ווען ניט מיין בערטשיק,
וואָלטן לאַנג שוין ניט געווען,
סאַי די גענז און סאַי די הינער,
סאַי אַ שטיינדל אַף אַ שטיין!



ווייל ס'איז דאָ גענוג נאָך סאָנים.—
און פּיאָנערן זיין' נאָך קליין.
נ-נו, מיין בערטשיק קען די סאָנים,
און ווייסט, ווער פאַלש איז און געמיין!..

אָט, אַשטייגער, ווען אַ כאָפּטע,—
די, וואָס גאַנווענען די פערד,
איז אַריין צו אונז אין קאַמער,—
אויסגעוואָקסן, ווי פון דר'ערד,



און צעשלעפּט דאָס היי, די סיטשקע,
און פּאָלאָווע זאַק נאָך זאַק,
נאָך גוט, וואס ניט דערזען די קליינע—
און ניט געפּאַקט די נייע האַק.

און אין שטוב — מע הערט ניט, גאָרניט,
מ'איז פאַרשלאָפן שווער און האַרט,—
כאַטש מיין בערטשיק רייסט זיך, פּייערט,—
גראָד איז ער אין שטוב פאַרשפּאַרט,—



ביז ער,— טראַך! — צעבּרעכט אַ טעפּל,—
כאַפּט זיך באַלד די מאַמע אויף,
שמיצט אים גלייך ארויס אינדרויסן,
ווערט אינדרויסן א געלויף.

אַ געלויף און אַ גערודער,
סיטשקע שיט זיך, ס׳בּרעכט אַ ברעט,
שרייט די מאַמע: „אוי גאַנאָווים!״
פליט דער טאַטע באַלד פון בעט,

און מיר, קינדער, נאכן טאַטן,
פארן טאַטן בערטשיק לויפט,
און מיר שרייען: „גוואַלד גאַנאָווים!
ראַ—טע—וועע—ע—עט!“

ערשט דערנאָכדעם האבן אלע
גלייך געזען ווער בערטשיק איז,
און געקעכלט אים — שוין איינמאָל!
ווער מיט פלייש און ווער מיט זיס.

און ער ווערט מיין בעסטער כאַווער
און דער בעסטער פריינט אין שטוב;
העלפט מיר זינגען, העלפט מאַרשירן,
וואַרט מיך שאָען לאַנג באַם קלוב.

גייט דער זומער, פריילעך גייט ער,
נאכן זומער גייט דער האַרבסט.
פעלד איז הויל, נאר שטעקנס שטייען, —
קאנסט זיך שניצן, וואס דו דארפסט.

גראַב קאַנאַלן, מאַך קוריניעס,
כאַפּ אַ יאַשטשערקע בײַם עק.
בערטשיק ווייסט: כ'האָב ליב איזשאַקעס,
לויפט ער אום און שמעקט, און שמעקט.

ציט דער האַרבסט אריין אין ווינטער,
וואס איז ווינטער? — שניי און גליטש.
קלאר און מונטער, — אַלע קינדער,
ווי דאס קינדער-בילד איליטש'ס.

נאָר, וואס מ י ר האט זיך געטראָפן,
האט זיך קיינעם ניט, איך שווער. —
אז דעם אייגנעם בערטשיק זײַנעם
זאל פארניכטן! — און נאך ווער? —

איך אליין! נאר ווארט, פּאמעלעך. —
אינדרויסן שטייט ער, אונזער הויף.
וואו זאל ווינטערן מיין בערטשיק?
איך? — איך זאג: אַפן אויוון אַרויף!

שפרינגט ער אַפן אויוון, בערטשיק,
אַרט עס אים? — ס'איז היימלעך, ניי;
באַקט מען קנישעס, קוקט ער צו זיך;
וויל ער פלעצל? — באלד דערבײַ!

נאָר דער טאַטע שרייט: — „אינדרויסן,
אַ הונט דאַרף היטן, זיין אין הויף!"
און די מאַמע לאַכט: „אַוואַדע,
מ׳האָט אָפּגעדרייט פון פּלויט אַ שרויף!"

הערט מיין הינטל, ווי מע זידלט,
שטרעקט דעם קאָפּ אויס, זאָגט קיין וואָרט, —
מיטאַמאָל — אַ שפּרונג פון אויוון
און אינדרויסן, לעקט זיך דאָרט.

נעמט דערווייל דער ווינטער שפּילן
אויפן רעכטן גראָבן באַס.
שטעלט דעם טייך אָפּ, שנייט ביז דעכער,
כאַפּט בײַ נעזער, פרירט דאָס פאַס.

איינמאָל — כ׳שנייד אַ וועג צום ברונעם,
כ׳שרייב מיט שטאָק אויף שניי אַ בריוו,
און בערטשיק שטופּט דעם קאָפּ אין שנייען
שפּרינגט און פאַרקעט זיך טיף־טיף.

גייט אַדורך מיט גלאָז אַ קעסטל
אונדזער גלעזער אַרקע־זוס,
גאַנוועט שטיל זיך אונטער בערטשיק
כאַפּט אים אָן באַם לינקן פוס.

האט ער באַלד געמאכט א ליארעם:—
„אי—אי! אי—אי,—א מעשוגענער הונט!”
סע ווערט א גוואלד... און איך, איך טאינע:
ניין, אָ ביין, דער הונט איז געזונט!

און כ׳טרייב אים: בערטשיק, ס׳א סאקאָנע!
אוועק, אנטלויף, נו, הונט דו,—העט!
נאר כ׳זע זיין בליק און ווער דערשראקן:
כ׳זע—ער הערט ניט, וואס איך רייד.

סע ווארפט מיט אים, ער שטרעקט די
צונג אויס
און רוקט זיך ווידער געבן א ביס.—
האט פעטער זוס מיט זיין שטיוואלע
אין אים מיט קראפט געטאן א ריס!

האט ער א פלי געטאן, מיין בערטשיק,
שרעקלעך זיך צעוויינט, צעבילט,
און נאכן אייגנעם עק פארדרייט זיך
ווי א וויכער גיך, געשווינט.

„אך, א שאָד אזא מין הינטל”—
זאגט דער שניידער שולי-שער—
„שווער דעם הונט דער ערשטער ווינטער
האט ניט אויסגעהאלטן, דער”.

האבן אינגלעך אויסגעשריגן:
„בערטשיק״ מעשוגע! מעשוגע!—יאָ!
„ מע דארף אים טויטן! — שרייט
דער גלעזער—
„ כעוורע, שטעקנס! היידא! — האָ!״

און מיר לאזן זיך נאך בערטשיק, —
איך, — איך אויך, מיט א אוראטש. —
כ׳שריי, איך וויין און לויף פאר אלע,
און ווי צעדולט, און ווי צעפּאטשט.

כ׳וויל, ער זאל שוין גיכער שטארבן,
כ׳קאן ניט זען, ווי כעוורע-לייט —
שטעקנס ווארפן אים און טרעפן,
און ס׳רינט אים בלוט פון מויל, פון זייט.

כ׳וויל, ער זאל שוין גיכער שטארבן,
ר׳לויפט אין פעלד, מיר לויפן נאך. —
דאס פעלד האט רו דעם הונט געגעבן...
און צעבליט מיט ווייץ דערנאך.

און נאכן בליען גייט דאס שניידן! —
נאכן אנהויב גייט דער סאף! —
נאכדעם זייט מען, שניידט מען ווידער...
שלאף-זשע, פריינט, מיט זיסן שלאף!